# שמחת ברית מילה אין חצר "תולעת יעקב" אין וויליאַמסבורג

**וויליאַמסבורג - דעם מיטוואך פרשת משפטים איז פאָרגעקומען אין וויליאַמסבורג די שמחת ברית מילה פון רך הנולד בבית הרה"ג ר' יואל פישער שליט"א בן הרה"ח מוה"ר אברהם יעקב ז"ל, וחתן הרה"צ רבי חיים מעריץ שליט"א אדמו"ר מתולעת יעקב.**

די שמחת השלום זכר איז געפּראַוועט געוואָרן פאַרגאַנגענעם שבת קודש אין שטוב פונעם זיידן האדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א, וואָס איז שפּעטער נמשך געוואָרן ביים שלחן הטהור פון רבי'ן שליט"א בשירות ותשבחות ביז אין די שפּעטע נאַכט שעות.

דינסטאָג אויפדערנאַכט האָט אַ גרויסער עולם געשטראָמט צום וואַכנאַכט בבית כ"ק אדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א, במשך דער סעודה האָט דער רבי שליט"א דערציילט עובדות וסיפורי צדיקים פון די הייליגע זיידעס, בעיקר פון הרה"ק רבי נפתלי הירצקא מראַצפערט זי"ע, און נאָך.

מיטוואָך אינדערפרי איז פאָרגעקומען די גרויסע שמחת ברית מילה אין בית המדרש תולעת יעקב. מיט סנדקאות איז מכובד געוואָרן דער זיידע כ"ק אדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א, מיט מוהלות הרה"צ האדמו"ר מקאָזניץ שליט"א דער עלטער-פעטער, הרה"ג מוה"ר משה נתן פישער שליט"א, אַן עלטער-פעטער איז מכובד געוואָרן מיט סנדקאות מעומד, און דער רבי שליט"א איז מכובד געוואָרן מיט ברכות וקריאת השם. ויקרא שמו בישראל "יחזקאל שרגא" ע"ש אביו הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זי"ע.

ביי דער סעודה האָט מען געהערט דברי תורה מעניני דיומא פונעם אבי הבן הרה"ג רבי יואל שליט"א. דערנאך איז הרה"צ מקאזניץ שליט"א דער מוהל מומחה מכובד געוואָרן מיט ברכת המזון. שפּעט אינמיטן טאָג איז דער עולם זיך צעגאַנגען מיט גרויס דערהויבנקייט.

**נודה לשמך בתוך אמוני**

# צוואָנציג טויזנט דאָלאַר "קעש" וועט ווערן אויסגעראַפעלט קומענדיגן זונטאָג תרומה הבעל"ט

## ליזענסקער "עזר לחתנים ראַפעל" אין פולן שוואונג

**אין די יעצטיגע טעג הערשט ביים היימישן ציבור איבער די גאנצע וועלט גאָר אַ שטאַרקע ווארעמקייט, אויפנעמענדיג די געטרייע עסקנים פון "עזר לחתנים דישיבת נועם אלימלך", צו קויפן דעם פּאָפּולער "ליזענסקע-ראַפעל", אַרויסצוהעלפן צענדליגער חתנים בעת שמחתם, און דערביי אַריינגיין אין גרויסן גורל צו געווינען 'צוואנציג טויזענט דאלער קעש', וואָס וועט אויסגעראפּלט ווערן דעם קומענדיגע זונטאָג נאַכט פּר' תרומה הבעל"ט.**

ס'איז שוין היינט ליידער נישט קיין סוד, אַז ביי רובא דרובא פונעם היימישן עולם, ווען עס קומט די גליקליכע מינוט פון חתונה מאכן אַ קינד, הערשט ליידער פון די אַנדערע זייט אַ גרויסע דרוק זיך שפּירנדיג דערשטיקט פון חובות, צוליב די גאָר גרויסע הוצאות החתונה, נאכדעם וואָס קוים די דורכשניטליכע טאָג-טעגליכע הוצאות שטופּט מען קוים אדורך, איז כ"ש ווען עס קומט צו חתונה מאכן די קינדער, ווערט אַ גרויס חלק פונעם כלל ישראל דערטראָנקן אין גרויסע ימ'ן פון שווערע חובות צוליב די אומשאצבארע אויסגאַבן וואָס די פרייליכע לעבעדיגע מאָמענטן ברענגט מיט מיט זיך.

אט צוליב דעם צוועק, טוט פונקציאָנירן די אָרגאַניזאַציע פון "עזר לחתנים" וואָס כשמו כן הוא, אַרויסהעלפן די חתנים און זייערע עלטערן, וואָס בעת שמחתם ווען זיי זענען קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף זייטיגע הילף, קומט אַריין אין בילד "עזר לחתנים" וואָס זיי קומען אנטקעגן די בעטנדיגע מחותנים כמלאך המושיע מיט פאַנטאַסטישע סכומים, וואָס טוט פיל פארגרינגערן זייער פינאנציעלע עקאָנאָמישן עול פון די הוצאות החתונה, און ברענגט אַריין אַ ליכטיגקייט אין זייערע שטיבער בימי שמחתם קענענדיג צוגיין צום חופה מיט אַ רואיגע געמיט.

ווי די עסקנים מערקן אָן פאר "דער איד" פארמאָגט די "ליזענסקער עזר לחתנים" אַ ספּעציעלע אייגנארטיגקייט, צוליב דעם וואָס די ישיבה באשטייט היינט צוטאָג'ס פון איבער צוויי הונדערט בחורים בליעה"ר, און רובו ככולו פון די תלמידי הישיבה זענען די עלטערן יושבי אהל וואָס תורתם אומנתם, און די צורך אויף זייטיגע שטיצע ביים חתונה מאכן איז ווי פארשטענדליך פילפאכיג מער און גרעסער.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן זעט זיך טאַקע אָן אַ שטאַרקע וואַרימקייט ביים עולם צו קויפן דעם ראַפעל אויפנעמענדיג די שליחי דרחמנא סיי ווי איבער די גארער וועלט מיט שיינע נתינות און ברייט הארציגע נדבות, ויה"ר אַז עס זאָל טאַקע זיין מיט די ריכטיגע הצלחה כדי די הייליגע אָרגאַניזאַציע זאָל ווייטער קענען אָנגיין מיט אירע ברייט-פארצווייגטע פעולות הצדקה והחסד.

**כל המשמח חתן וכלה זוכה לחמשה קולות**

# יאָרצייט פון כ"ק אדמו"ר מליסקא זצוק"ל

## קומענדיגן מאָנטאָג אָוונט פרשת תרומה, בביהמ"ד ליסקא



**קומענדיגן דינסטאָג פרשת תרומה, אור ליום כ"ח שבט, וועט אָפּהאַלטן ווערן די סעודת הילולא צו דער 47'סטער יאָרצייט פון כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי יוזפא פריעדלאַנדער זצוק"ל מליסקא.**

דער רבי זצ"ל איז געוועזן דער זון וממלא מקומו פון הגה"ק רבי צבי הירש זצ"ל הי"ד בעל שערי הישר, בן הגה"ק בעל טל חיים זי"ע, חתן מרן הגה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע.

נאָך בימי בחרותו איז ער נסמך געוואָרן להוראה דורך די גדולי הדור, צווישן זיי הגאוה"ק בעל משמיע שלום מנירעדהאַז, בעל בנין דוד מאוהעל, ורבי יחיאל מיכל הכהן פריעד אבד"ק אויוואָראָש זצ"ל.

ער איז א חתן געוואָרן נאָך בעפאָר דער מלחמה, ברוב רחמיו וחסדיו האָבן זיי זיך נאָך דער קריג צוריק געטראָפען און חתונה געהאַט מיט זיין רביצין, הרבנית הצדיקת הישישה תחי', בת הגה"צ שלשלת היוחסין רבי אברהם יהושע העשיל פרענקל זצ"ל הי"ד אדמו"ר מהיבנוב (א מחותן פון הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע).

נאָך דער מלחמה איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט ראש השנה שנת תש"ח מייסד געוועזן זיין בית המדרש 'עטרת צבי מליסקא' אויף דער 50'סטער גאַס אין באָראָ פּאַרק. ער איז געוועזן פון די ערשטע חסידיש'ע רבי'ס אין באָראָ פּאַרק, וועלכע האָבן געהאָלפן איבערפלאַנצן תורה וחסידות אויפ'ן אַמאָליגן שטייגער.

דער ליסקער רבי זצ"ל איז געוועזן מקושר צו די צדיקים הקדושים מבעלזא, סאַטמאַר, ומסקווירא זי"ע.

ער איז ליידער פריצייטיג נפטר געוואָרן ביום כ"ח שבט שנת תשל"א אין יונגן עלטער פון 52 יאָר. ער איז נטמן געוואָרן אין חלקת הרבנים אויפ'ן הר המנוחות.

די סעודת הילולא וועט פאָרקומען מאָנטאָג אָוונט פרשת תרומה, אום 7:30 אוועוונט, בבית מדרשו, 1449 50'סטע סטריט, בראשית בנו מ"מ כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי צבי הירש פריעדלאנדער שליט"א ואחיו הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל שליט"א אבד"ק היבנוב.

